# ווייסט אייערע רעכטן

**איר האט דעם רעכט צו שטימען אין אלגעמיינע וואלן אדער ספעציעלע וואלן אויב:**

- איר זענט א רעגיסטרירטע וויילער.
- איר זענט אינעווייניג אדער שטייט אין ליניע ביי אייער וואל סטאנציע צווישן 6:00 אינדערפרי און 9:00 בייינאכט אויף דעם וואל טאג, אדער איר שטימט פרי (קוקט איבער vote.nyc פאר טעג און שעות).

**איר האט דעם רעכט צו שטימען אין פריימערי וואלן אויב:**

- איר זענט א רעגיסטרירטע וויילער און איר זענט איינגעשריבן אין א פארטיי וואס האט א פריימערי, אויסער אויב סטעיט פארטיי געזעצן זאגן אנדערש.
- איר זענט אינעווייניג אדער שטייט אין ליניע ביי אייער וואל סטאנציע צווישן 6:00 אינדערפרי און 9:00 בייינאכט אויף דעם וואל טאג, אדער איר שטימט פרי (קוקט איבער vote.nyc פאר טעג און שעות).

**פריע וואלן**

**איר האט די רעכט צו שטימען פרי.** פריע וואלן קומען פאר ניין טעג נאכאנאנד איידער יעדע וואל טאג, אנגעהויבן פון 10 טעג פאר די וואל טאג. איר קענט אויך שטימען אויפ'ן וואל טאג. צו זען וואזוי צו שטימען פרי אדער אויף דעם וואל טאג, באזוכט vote.nyc.

**ביי אלע וואלן, האט איר א רעכט צו:**

- באקומען הילף פון איינעם וועם איר וועלט אויס (אויסער אייער ארבעטסגעבער אדער יוניאן פארשטייער), אריינגערעכנט א טרעניַרטע וואל איינגעשטעלטער, אויב איר דארפט הילף צו קענען שטימען.
  אויב איר דארפט א דאלמעטשער, זענען דא געוויסע וואל פלעצער וועלכע האבן דאלמעטשערס וועלכע שטייען גרייט ארויסצוהעלפן וויילער.
  - **רופט 866-VOTE-NYC פאר מער אינפארמאציע, אריינגערעכנט וועלכע וואל פלעצער האבן גרייטע דאלמעטשערס אין ספאניש, כינעזיש (קאנטאנעזיש און מאנדארין), קאריען, באנגלא, פאנדזשאבי און הינדי.**
  - **באזוכט on.nyc.gov/vla צו זען וועלכע וואל פלעצער האבן NYC ציווילע אנטיילנעמונג קאמיסיע דאלמעטשער פאר אראביש, באנגלא, כינעזיש (מאנדארין, קאנטאנעזיש), פראנצויזיש, העיטישן קרעאל, איטאליעניש, פויליש, רוסיש, אידיש און אורדו.**
- ברענגט מיט א דאלמעטשער מיט אייך צו די וואל בודקע (יוניאן פארשטייער אדער ארבעטסגעבער איז נישט ערלויבט).
- פרעגט וואל איינגעשטעלטער וויאזוי צו צייכענען און אריינגעבן אייער שטים-צעטל.
- ברענגט מאטריאלן איבער קאנדידאטן און שטים-צעטל פראגעס מיט זיך, אזוויי די CFB וויילער וועגווייזער. (ביטע נעמט צוריק די מאטריאלן מיט זיך ווען איר ענדיגט שטימען.)
- שטימט אפילו אויב די וואל מאשין איז צובראכן.
- שטימט דורך "אפידאוויט שטים-צעטל" אויב אייער נאמען שטייט נישט אויף די ליסטע פון וויילער ביי אייער וואל פלאץ.
- נעמט אראפ צייט פון די ארבעט צו גיין שטימען: ניו יארק סטעיט געזעץ ערלויבט אייך צו אראפנעמען ביז צוויי באצאלטע שעות ביים אנהויב אדער ענדע פון אייער ארבעטסטאג צו גיין שטימען, אזוי לאנג ווי איר לאזט וויסן פאר אייער ארבעטסגעבער כאטש צוויי טעג איידער דאס וואל טאג.
- אונטער פעדעראלע און סטעיט געזעץ זענען מענטשן מיט דיסאביליטיס בארעכטיגט צו באקומען הילף מיט וויילער רעגיסטראציע, צוגענגליכע וואל פלעצער און הילף מיט אריינגעבן זייער שטים-צעטל. אויב איר האט א דיסאביליטי און האלט אז מען האט אייך אפגעזאגט די רעכט צו הילף בשעת'ן שטימען אדער זיך רעגיסטרירן צו שטימען, ביטע רופט 311.
- אויב איר זענט יעצט אויף פראבעיישאן אדער פאראול, האט איר די רעכט צו שטימען. אויב איר זענט שוין פארדעם געווען רעגיסטרירט, דארף אייער וויילער רעקארד נאכאלץ זיין אקטיוו. **קוקט איבער אייער וויילער רעגיסטראציע סטאטוס אויף:** voterlookup.elections.ny.gov/

**אויב דאס איז דאס ערשטע מאל וואס איר גייט שטימען, וועט איר מעגליך דארפן ווייזן אידענטיפיקאציע צו קענען שטימען.**

- בארעכטיגטע סארטן אידענטיפיקאציע נעמען אריין א גילטיגע בילד ID אדער יעצטיגע יוטיליטי ביל, באנק סטעיטמענט, רעגירונגס טשעק אדער פעי-טשעק אדער א רעגירונגס דאקומענט וואס ווייזט אייער נאמען און אדרעס.
- אויב איר קענט נישט אדער ווילט נישט ווייזן אידענטיפיקאציע, האט איר די רעכט צו שטימען דורך אפידאוויט שטים-צעטל.

# אריינגעבן אייער שטים-צעטל

דריי גרינגע שריט אריינצוגעבן אייער שטים-צעטל אויף דעם וואל טאג אדער בשעת פריע וואלן. בעט צו נוצן די שטים-צעטל צייכענונג אפאראט אויב איר דארפט הילף מיט אויספילן אייערע אויסוואלן.

1 | **באקומט אייער שטים-צעטל**

- גייט צו אייער באשטימטע וואל פלאץ און טרעפט די ריכטיגע טיש פאר אייער אסעמבלי דיסטריקט/וואל דיסטריקט (די נומערן שטייען אויף די מעלדונג וואס איר האט באקומען פון די באורד פון וואלן און אויף אייער ווילער וועגווייזער פאסט קלעבער) אדער אויף findmypollsite.vote.nyc/
- שרייבט זיך איין און באקומט אייער ~~צווי-בלעטער~~ פאפירענע שטים-צעטל פון די וואל איינגעשטעלטער. איר וועט באקומען א פריוואטקייט צודעק צו באהאלטן אייער שטים-צעטל פון ווערן געזען דורך אנדערע נאך וואס איר צייכנט עס. ביידע זייטן פון די שטים-צעטל בלאט וועלן האבן אנווייזונגען אויבן.
  - די **ראנק אויסוואל שטימען** זייט פון די שטים-צעטל קען האבן די פאלגנדע לויפערס: מעיאר, פובליק אדוואקאט, קאמפטראלער, בארא פרעזידענט און סיטי קאונסיל.
  - די **נישט-ראנק אויסוואל שטימען** זייט פון די שטים-צעטל קען האבן די פאלגנדע לויפערס: דיסטריקט אטורני, סטעיט קאמיטע, ריכטער פון די ציווילע געריכט (דיסטריקט אדער קאונטי), דיסטריקט פירער, דעלעגאט פון געריכטליכע קאנווענשן.
- גייט צו די פריוואטקייט בודקע אדער בעט צו נוצן די שטים-צעטל צייכענונג אפאראט.

2 | **צייכנט אייער שטים-צעטל**

**אר קענט באצייכענען ביז 5 קאנדידאטן אינעם סדר פון פארצוג.**




- וועלט אויס אייער ערשטע-אויסוואל קאנדידאט און פולט גענצליך אריין דעם רינג נעבן זייער נאמען אונטער דעם ערשטן קאלום.
- אויב איר ווילט אויסוועלן מער ווי איין קאנדידאט, פולט גענצליך אויס די דערנעבנדע רינגען פאר ביז פינף אויסוואלן.
- איר קענט נאך אלס שטימען פאר נאר איין קאנדידאט אויב איר ווילט. באצייכענען אנדערע קאנדידאטן שעדיגט נישט אייער ערשטע אויסוואל.

**באצייכנט <u>נישט</u> קיין קאנדידאט מער ווי איין מאל. אויב איר טוט דאס יא, וועט מען נאר ציילן אייער ערשטע באצייכענונג פאר דעם.**



**געבט <u>נישט</u> פאר מערערע קאנדידאטן די זעלבע צייכן. אויב איר וועלט אויס מער ווי איין קאנדידאט אלס אייער ערשטע אויסוואל, וועט אייער שטים-צעטל נישט זיין גילטיג.**




**פאר די נישט-ראנק אויסוואל שטימען** זייט פונעם שטים-צעטל (דיסטריקט אטורני, סטעיט קאמיטע, ריכטער פון די ציווילע געריכט (דיסטריקט אדער קאונטי), דיסטריקט פירער, דעלעגאט פון געריכטליכע קאנווענשן) זאלט איר בלויז אויסוועלן אייער ערשטע-אויסוואל קאנדיטאט.

3 | **סקענ'ט אריין אייער שטים-צעטל**

- טראגט אייער געצייכנטע שטים-צעטל אין די פריוואטקייט צודעק צו די פלאץ פון די סקענערס.
- וועלט אויס די שפראך וואס איר ווילט דורך דרוקן אויפ'ן קנעפל אויפ'ן סקרין.
- שטעקט אריין אייער געצייכנטע שטים-צעטל אין די סקענער צו אריינגעבן אייער שטימע. די סקענער נעמט אן שטים-צעטלעך אין אלע ריכטונגען און ליינט ביידע זייטן. די סקענער וועט אייך זאגן ווען אייער שטימע איז ריכטיג אריינגעגעבן געווארן.

**אריינשרייבן א שטימע**

אויב איר ווילט שטימען פאר א קאנדיטאט וואס שטייט נישט אויף אייער שטים-צעטל, מוזט איר:

- שרייבן די נאמען אויף די "אריינשרייבן" ליניע, און
- אויספולן א רינג צו צייכענען אייער אויסוואל.

**וויאזוי צו נוצן די שטים-צעטל צייכענונג אפאראט**

די שטים-צעטל צייכענונג אפאראט געבט צוויי וועגן פאר וויילער צו באקומען צוטריט צו די שטים-צעטל:

- זעט די שטים-צעטל אויפ'ן סקרין
- הערט אויס די שטים-צעטל דורך העדפאונס

די שטים-צעטל צייכענונג אפאראט געבט פיר וועגן פאר וויילער צו אויספhלן די שטים-צעטל:

- טאפן דעם סקרין
- אריינ'טייפ'ן (ברעיל)
- סיפ ענד פאף דעווייס
- ראקער פעדל

פאלגט אויס די אנווייזונגען צו צייכענען אייער שטים-צעטל נוצנדיג די שטים-צעטל צייכענונג אפאראט:

- באשליסט וויאזוי איר ווילט באקומען צוטריט צו און צייכענען די שטים-צעטל.
- שטעקט אריין אייער שטים-צעטל דורך די טאץ עס אריינצוגעבן.
- וועלט אויס די שפראך וואס איר ווילט.
- די שטים-צעטל צייכענונג אפאראט וועט אייך ווייזן די גאנצע פראצעדור פון מאכן אייערע אויסוואלן און איבערקוקן אייער אויסוואלן.
- צו טוישן וואס איר האט אויסגעוועלט, זאלט איר אויסוועלן די קאנדיטאט אדער זאך וואס איר ווילט טוישן און נאכאמאל דרוקן אויף אייער ריכטיגע אויסוואל. וועלט אויס "ווייטער" צוריקצוגיין צו די סיכום סקרין.
- וועלט אויס "צייכנט שטים-צעטל" צו ארויסדרוקן אייער געצייכנטע שטים-צעטל.
- נעמט אייער ארויסגעדרוקטע שטים-צעטל און וויילער קארטל צו די פלאץ פון די סקענערס.
- אויב איר ווילט הילף מיט אריינשטעקן אייער שטים-צעטל אין די סקענער, וועט א וואל איינגעשטעלטער אייער העלפן.

**<u>געדענקט:</u>**

**דרייט איבער אייער שטים-צעטל!** עס קענען זיין אנווייזונגען און/אדער שטים-צעטל פארשלאגן צו שטימען אויף די אנדערע זייט.

**פולט גענצליך אויס די רינג.** נוצט נישט קיין "x", א "✓", אדער א רינג ארום דעם.

**וויאזוי צו אויספולן די ראנק אויסוואל שטים-צעטל:** באצייכנט ביז פינף קאנדידאטן אינעם סדר פון פארצוג. איר קענט אויך שטימען נאר פאר איינס

**איר קענט שטימען פאר א קאנדידאט וואס איר שרייבט אריין.** צו שטימען פאר א קאנדידאט וועמענס נאמען שטייט נישט אויפ'ן שטים-צעטל זאל איר שרייבן די נאמען אויפ'ן "ארייננשרייבן" ליניע און אויספולן די רינג צו באצייכענען אייער אויסוואל.

**מאכט זיכער צו שטימען פאר יעדע אפיס און אויף יעדע פראגע אויפ'ן שטים-צעטל.** קוקט גוט איבער אייער שטים-צעטל איידער איר סקענ'ט עס. מאכט זיכער אז איר האט געשטימט פאר יעדע ראסע און יעדע פארשלאג אויפ'ן שטים-צעטל.

**<u>פראבלעמען און לעזונגען</u>**

**איך האב געמאכט א גרייז ווען איך האב געצייכנט מיין שטים-צעטל.**
אויב איר זענט געגאנגען שטימען פערזענליך, וועט די וואל מאשין אייך לאזן וויסן אויב איר האט געגעבן דאס זעלבע צייכן פאר מערערע קאנדידאטן אדער האט אריינגעגעבן א גענצליך ליידיגע שטים-צעטל ווען איר סקענ'ט עס אריין. אויב איר מאכט א גרייז, קענט איר בעטן א וואל איינגעשטעלטער פאר א נייע שטים-צעטל. די וואל מאשין וועט אייך נישט לאזן וויסן אויב איר האט לאזט צייכענונגען ליידיג אדער אויב איר געבט פאר איין קאנדידאט מערערע צייכענעס, וויבאלד אייער ערשטע-אויסוואל שטימע וועט נאכאלץ ווערן געציילט אין אזעלכע פעלער

**די ווערטער זענען צו קליין; איך קען נישט ליינען מיין פאפירענע שטים-צעטל.**
עס וועט זיין צו באקומען א פארגרעסערונגס בלאט. איר קענט אויך בעטן צו נוצן א שטים-צעטל צייכענונג אפאראט.